נייעס, באריכטן, אנטוויקלונגען און היסטאריע פון

**מוסדות יטב לב דרבינו יואל בארה"ק**

לצדקת רבי מאיר בעל הנס

גליון א'




# בקודש חזיתיך


ארויס געגעבן דורך הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ב

**שבת מברכין החודש טבת • שנת תש"ע לפ"ק**


# אונזער צ'

## מיטן

רעכטן פיס טרעטן מיר צו ארויסצוגעבן דעם ערשטן חודש'ליכער גליון "בקודש חזיתיך" וואס כשמו כן הוא, איז דער ציל פון דעם גליון צו געבן א נאנטערן "בליק" איבער דאס "הייליגסטע" וואס מיר אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר פארמאגן, **אונזערע מוסדות אין ארה"ק "מוסדות יטב לב".**

ארויסצוגעבן אן "אויסגאבע" קען האבן פארשידענע מאטיוון און צילן. זעט מען אין געשעפט א וועכענטליכע אויסגאבע, ווייסט מען אז דער ציל איז צו באריכטן כסדר'דיגע אידישע און וועלטליכע נייעס. טרעפט מען א חודש'ליכע אויסגאבע, פארשטייט מען עס איז געצילט אויף פארשידענע ארטיקלען און אפהאנדלונגען. שטויסט מען זיך אן אויף די טישן אין די בתי מדרשים אין א ספעציעלע אויסגאבע, פארשטייט מען גלייך אז די ארויסגעבער פון די אויסגאבע האלטן אצינד נישט ווייט פון אן אקציע וואס ווערט דורכגעפירט ווערן לטובת א געוויסן מוסד, און לכבוד דעם ווערט די אויסגאבע ארויסגעגעבן.

אנדערש איז דער נייער גליון "בקודש חזיתיך" וועלכע הייבט אן צו ערשיינען די היינטיגע וואך, "שבת חנוכה א'" ו"שבת מברכין החודש טבת" און וועט בעזהשי"ת ערשיינען דורך מוסדותינו הק' מוסדות יטב לב מדי חודש בחדשו, אן קיין איינס פון די דערמאנטע צילן. מוסדות יטב לב האלט אצינד נישט ספעציעל פאר סיי וועלכע אקציע, און האט אויך נישט קיין אינטערעסע צו באריכטן וועלטליכע נייעסן אדער צו בארייכערן די מוחות מיט לענגערע מאמרים.

"בקודש חזיתיך" האט אבער יא פאר זיך א הייליגן און וויכטיגן ציל. "מוסדות יטב לב" איז כהיום יום דער צענטראלסטער מוסד, וואס איז מאחד און מקשר אנ"ש פון דאהי אין ניו יארק און פון איבער דער גארער וועלט. עס איז נישט דא נאך אזא הייליגע מוסד ווי "מוסדות יטב לב" וואס זאל ציען די אינטערעסע און שטיצע פון אלע אנ"ש אן אויסנאם.

און עס איז פארשטענדליך ביז גאר. **פון קינדווייז אן ליגט אונז איינגעקריצט אין די ביינער דער הייליגער פייער וואס האט במשך כל הדורות געטליעט אין די הערצער פון אידן תושבי חו"ל פאר די צדקה קדושה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס". אידן האבן געשפירט פאר א פליכט און זכי' זיך אפצושפארן דאס ביסן פון מויל, כדי צו קענען מחזק זיין די צדקה פון "מעות ארץ ישראל" און שטיצן די פושקע פון די ארץ ישראל'דיגע מוסדות.**

כהיום יום איז עס "מוסדות יטב לב" דער מוסד קדוש וואס טראגט אויף זיך דעם הייליגן חותם פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס" און ווי מיר הערן כסדר פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א אז אויף אנ"ש ליגט דער הייליגער פליכט, מחזק צו זיין דייקא אונזער צדקה פון רבי מאיר בעל הנס, ווי עס


ב



א ווארט פון

**אונזערע רבי'ס**

**זיקוקין דנורא, קורצע און בליציגע ווערטער פון רבוה"ק**

איבערן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הק'

ג

די **הייליגע צדקה**

רייכער אפהאנדלונג איבער מעות ארץ ישראל **לצדקת רבי מאיר בעל הנס**

ג









# אונזער צדי

א

איז געווען איינגעפירט אין אלע דורות, אז יעדער איד האט מחזק געווען די אייגענע פושקע פון רבי מאיר בעל הנס, די פושקע וועלכע האט געשטיצט און מחזק געווען די אידן אין ארץ ישראל מיט וועמען מען האט געהאט א שייכות מאז ומקדם.

וכדברים האלה זענען אנ״ש אלעמאל געווען רגיל צו הערן מפיהם ומפי כתבם פון רבוה״ק מסאטמאר, מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע און מרן רביה״ק בעל ברך משה זי״ע, וועלכע פלעגן בכל עת מצוא ארויסברענגען דעם חיוב החזקת מוסדותינו הק׳, ערוועגדיג אז שטיצן דארף מען טאקע אלע מוסדות, **אבער בראש וראשון דארף מען שטיצן מוסדות יטב לב וואס איז ״קודש קדשים״**.

אנ״ש הסרים למשמעתם ולדעת תורתם הבהירה, האלטן זיך טאקע דערצו מיט א פעסטקייט, און ווייסן אז צו שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות ״יטב לב״ איז סיי א פריוועליגע און סיי א פליכט וואס ליגט אויף יעדן איינעם צוגלייך. והיינו טעמא וואס מיר הערן כסדר צוריק אזא שטארקן פארלאנג פון אנ״ש פון אומעטום, וועלכע פאראינטערעסירן זיך, ווילן וויסן און זוכן צו האבן א ידיעה איבער אלעם וואס הערט זיך אין אונזערע מוסדות, סיי צו הערן וואס עס קומט היינט פאר בין כותלי מוסדותינו הק׳ אין ירושלים און אין בני ברק, און נאך מער זיך צו דערוויסן פרטים און היסטאריע איבער דער התייסדות פון אונזערע הייליגע מוסדות.

וכדי לרוות הצימאון פון אנ״ש הייבן מיר אן ארויסצוגעבן דעם חודש׳ליכן גליון, וועלכע וועט מדי חודש בחדשו אנטהאלטן רייכפולע אפהאנדלונגען, סיי איבערן הוה און סיי איבערן עבר פון אונזערע הייליגע מוסדות בפרט, און פון ״צדקת רבי מאיר בעל הנס״ בכלל, אזוי ארום אנצוהאלטן דעם כסדר׳דיגן אזוי שטארק-ארויסגעקוקטן קשר צווישן אונזערע מוסדות אין די תומכים חשובים.

והאמת ניתן להיאמר, אז די פריערדערמאנטע ווערטער ״מיר האלטן אצינד נישט פאר קיין ספעציעלע אקציע״ איז ווייט נישט קיין אמת, ווארום עס איז דורכאויס דעם גאנצען קיילעכיגן יאר קיינמאל נישט פארהאן אזא צייטן ווען מיר זאלן קענען הייבן די הענט, און זאגן ״דֵי״ מיר נעמען שוין נישט קיין נדבות... נישט אומזיסט האבן מיר אויסגעקליבן דעם זמן פון ״שבת מברכין״ אלס די צייט ווען אונזער גליון זאל ערשיינען יעדן חודש, וואס אין די צייט וואס די ווערטער ״ראש חודש ... יהי׳ ביום וכו׳״ וואס מען זאגט אום שבת מברכין, באדייט אין אלגעמיין בלויז דאס אז אין יענעם טאג וועט מען זאגן הלל און דאווענען מוסף, האט דאס פאר אונז א פיל טיפערן דערהער. עס באדייט פאר אונז הנהלת המוסדות אז נאכאמאל האבן מיר דעם שווערן עול פון האבן געשאפן ביז דעמאלט דער פאנטאסטישער סומע פון גאנצע $120,000 כדי צו קענען שיקן די רעגעלמעסיגע תמיכה פאר אונזערע מוסדות הק׳ אין ירושלים און אין בני ברק.

מיר האפן דעריבער שטארק, אז דער גליון וועט טאקע דינען דער טאפעלטער ציל, סיי מחזק צו זיין דעם קשר צווישן אונזערע תומכים, און סיי אלס מזכרת נצח, צו דערמאנען ווי שטארק מיר זענען שטענדיג אנגעוויזן אויף די ״צדקת רבי מאיר בעל הנס״ וואס אנ״ש זענען מנדב לטובת מוסדותינו הק׳.

ווי די ליינער וועלן אליינס זען, איז דער ערשטער גליון שוין אנגעפילט מיט א גאר רייכן תוכן, סיי פונעם הוה און סיי פונעם עבר פון אונזערע הייליגע מוסדות. אבער יותר ממה שכתוב יש כאן, האבן מיר נאך אין באזיץ א ריי מיט גאר רייכע ארטיקלען און אפהאנדלונגען, וואס איז ארויסגעפאלן פונעם איצטיגן גליון, און וועט בעזהשי״ת ערשיינען אין די גליונות פון די קומענדיגע חדשים.

וחפץ ה׳ בידינו יצליח צו קענען אנגיין מיט דער עבודת הקודש, צו זיין די ריכטיגע שלוחים להולכה, איבערצוגעבן פאר אונזערע מוסדות, די נדבות וואס אנ״ש שענקן דאהי פאר די מוסדות, און גלייכצייטיג צו זיין די שלוחים לקבלה, מקבל צו זיין די הויפענס מיט השפעות טובות, ישועות ורפואות בכלל ובפרט אויף וואס אנ״ש זענען אנגעוויזן און קוקן ארויס געהאלפן צו ווערן דערמיט בזכות החזקת מוסדותינו הק׳.

**בברכת א פרייליכן חנוכה און ליכטיגן חודש**

**הנהלת המוסדות**

**כהיום יום איז עס ״מוסדות יטב לב״ דער מוסד קדוש וואס טראגט אויף זיך דעם הייליגן חותם פון ״צדקת רבי מאיר בעל הנס״ און ווי מיר הערן כסדר פון כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א אז אויף אנ״ש ליגט דער הייליגער פליכט, מחזק צו זיין דייקא אונזער צדקה פון רבי מאיר בעל הנס, ווי עס איז געווען איינגעפירט אין אלע דורות, אז יעדער איד האט מחזק געווען די אייגענע פושקע פון רבי מאיר בעל הנס, די פושקע וועלכע האט געשטיצט און מחזק געווען די אידן אין ארץ ישראל מיט וועמען מען האט געהאט א שייכות מאז ומקדם.**

א

# די הייליגע צדקה

רייכער אפהאנדלונג איבער מעות ארץ ישראל



## לצדקת רבי מאיר בעל הנס

דאס אז די אידן פון ארץ ישראל זאלן זיך מתפרנס זיין פון די חלוקה געלט וואס ווערט צו זיי געשיקט פון די בני חוץ לארץ, איז גאר א פריע זאך. מען צייגט דאס שוין אן נאך אויף די צייטן פון די אמוראים, ווי מען זעט אין תלמוד ירושלמי. אבער דאס איז זיכער אז אין די צייטן פונעם רמב"ן זי"ע, וועלכער איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל מיט עטליכע תלמידים, איז דאס שוין לאנג געווען איינגעפירט.

די תלמידים פון רמב"ן האבן זיך ערנעהרט פון די געלט וואס די בני מצרים, ארם צובה, און דמשק האבן זיי געשיקט. דעריבער איז טאקע דא וואס זאגן אז דאס וואס מען רופט די צדקה פושקע פון "רבי מאיר בעל הנס" מיטן נאמען "רמב"ן" איז אויפן נאמען פון רמב"ן. אבער דאס איז נישט אמת, ווייל די ראשי תיבות פון רמב"ן איז: ר'בי מ'איר ב'על הנ'ס. עס איז אבער מעגליך אז די וואס האבן עס געשריבן בראשי תיבות, האבן עס געטאן דערפאר ווייל דער רמב"ן האט פריש מייסד געווען די פושקע, דעריבער האבן זיי עס במכוון געשריבן בראשי תיבות, וואס אזוי ווערט זיין נאמען אויך דערמאנט דערין.

ווען דער רמב"ן איז געקומען קיין ארץ ישראל, איז עס געווען א פוסט לאנד, כמעט אן קיין איינוואוינער און גאר ווייניג אידן. אין ירושלים עיר הקודש האט ער באגעגנט נישט מער ווי צוויי אידן, וועלכע האבן דארט געלעבט אין גרויס נויט.

ערשט יארן שפעטער, בערך מיט פינף הונדערט יאר צוריק, ווען עס איז פארגעקומען דער גירוש שפאניע, זענען קיין ארץ ישראל אנגעקומען מאסן אידן און צווישן זיי גדולי עולם. עס זענען צווישן אנדערן אנגעקומען די הייליגע גאונים וקדושים: דער בית יוסף; רבי לוי בן חביב דער מהרלב"ח, וועלכער איז געווען רב אין ירושלים עיה"ק; דער רדב"ז; דער מהר"י בי רב; דער רמ"ק רבי משה קארדיווארי; רבינו שלמה אלקבץ, דער בעל לכה דודי; דער אר"י הקדוש, און נאך און נאך, זי"ע. עס איז געווארן א סאטבילער איינגעפירטער ישוב.

דאן איז דער ענין פון "כוללים" און "חלוקה" געווארן א פארפעסטיגטער לעבנס שטייגער, וואס האט זיך גענומען פארשפרייטן מער און מער.

פון יענער צייט טרעפן מיר שוין בריוון וואס די בני ארץ ישראל האבן געשיקט פאר די בני חוץ לארץ, איבער די שטיצע וואס זיי שיקן קיין ארץ ישראל. אדער איז דאס דאנק בריוו, אדער בקשה בריוו. זיי בעטן זיך מען זאל זיי שיקן מער, אפטער, שנעלער, און אזוי ווייטער.

איינע פון די באקאנטע בריוון איז וואס עס האט געשריבן דער של"ה הקדוש זי"ע, וועלכער האט זיך באזעצט אין צפת נאכדעם וואס ער איז געקומען קיין ארץ ישראל פון פראג.

שפעטער, ווען די בריוון מיט די בקשות אז מען זאל שיקן געלט, האבן שוין נישט געהאט די ריכטיגע השפעה ווי עס דארף צו זיין, און די תמיכה האט זיך אפגעשוואכט, האט מען אנגעהויבן צו שיקן שליחים, וועלכע מען האט גערופן שד"ר "שליחי דרבנן".

די שדרי"ם זענען געפארן מעיר לעיר וממדינה למדינה, צו זאמלען געלט פאר די לומדי תורה אין ארץ ישראל. צווישן די שדרי"ם זענען געווען גדולי הדור, מאורי אור. די גרעסטע גדולים בתורה פון ארץ ישראל זענען געווען שדרי"ם. צווישן זיי איז געווען: מהר"ש אבוהב, רבי משה זכות, רבי חיים אבועלפיה, און דער בארימסטער פון זיי איז געווען דער חיד"א.

**- פארזעצונג קומט אי"ה -**

א ווארט פון

# אונזערע רבי'ס

**זיקוקין דנורא, קורצע און בליציגע ווערטער פון רבוה"ק**

איבערן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הק'

## זיי זשע מוחל עפן אויף דיין האנט און .... קוק דערויף....

ביי איינע פון די דינער'ס פאר די מוסדות הקדושים, האט איינער פון די עסקנים געזאגט פארן רבין זי"ע אז פלוני אלמוני, א היימישער נגיד, גיט כך וכך. טאקע א שיינעם סכום, אבער נישט דאס וואס מען וואלט געקענט ערווארטן פון אים אז ער זאל געבן פארן רבין'ס מוסדות.

האט דער רבי געפרעגט דעם עסקן: פארוואס גיט ער נישט מער? האט יענער עסקן געענטפערט אז ער האט די זעלבע שאלה געפרעגט דעם נגיד, און יענער האט אים געענטפערט אז דאס איז דער סכום וואס ער גיט פאר אלע מוסדות. און עס זענען דא אסאך מוסדות וואס ער דארף געבן געלט, דעריבער קען ער נישט געבן מער. ער גיט פאר יעדן איינעם, און ער קען נישט הייבן דעם סכום פארן רבין'ס מוסדות.

האט דער רבי געזאגט פאר יענעם עסקן: זאג דעם איד אז ער איז נישט גערעכט. אמת, מען דארף געבן פאר אלע צדקות, מען דארף יעדן שטיצן, אבער נישט אלע צדקות זענען גלייך. עס זענען דא צדקות וואס זענען אן אויסנאם און זיי דארפן זיין נענטער צו הארץ פונעם מענטש.

דאס זעהן מיר פון די תורה, האט דער רבי ממשיך געווען זיין שמועס. אין די תורה שטייט א פסוק: "לא תאמץ את-לבבך ולא תקפץ את-ידך מאחיך האביון. כי-פתח תפתח את-ידך לו והעבט תעביטנו די מחסרו אשר יחסר לו". האט דער רבי מדייק געווען. וואס איז דער לשון הפסוק: 'פתח תפתח', פארשטייט זיך אז ווען איינער גיט צדקה, עפנט ער די הענט. און וואס שטייט דער לשון דאפלט. נאר דער תירוץ איז: ווען א מענטש האלט פארמאכט די האנט, זעען אים אלע פינגער אויס די זעלבע. אלע זענען גלייך. איינער הויך. אבער ווען מען עפנט אויף די הענט, דאן זעט מען אז עס זענען פאראן פארשידענע ערליי פינגער. עס איז דא א לענגערע פינגער, און א קורצערע פינגער.

דאס זעלבע איז ביי צדקה - האט דער רבי ממשיך געווען. א מענטש דארף וויסן אז אין צדקה איז דא פארשידענע מדרגות, נענטערע און ווייטערע. דאס זאגט דער פסוק: "פתח" ווען דו האלטסט ביים עפענען די הענט צו געבן צדקה. דאן "תפתח" עפן די האנט און גיב א קוק דערויף. וועסטו זען אז עס זענען דא פארשידענע פינגער... דאס זעלבע זאלסטו טאן ביי צדקה... ס'איז דא פאר וועמען מען דארף געבן מער, און ס'איז דא פאר וועמען ווייניגער.

## דער פעטער וועט נישט פארגעסן פון אונז

איינע פון די גרויסע זאכן וואס דער רבי האט אונז געלערנט, און דערקענט זיך אויף יעדן פון דעם רבין'ס חסידים, און איז באקאנט איבעראל, אז סאטמארער חסידים צייכענען זיך אויס מיט די מידה טובה פון צדקה, ווייל אזוי האט אונז אויסגעלערנט דער רבי ז"ל. און זיינע ווערטער זענען אונז מחייב מער ווי די ווערטער פון א טאטן. היינט אז מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען שטיצן די מוסדות הקדושים וואס דער רבי האט מייסד געווען אין ארץ ישראל נאך די מלחמה, דארפן מיר אריין טראכטן אין די השתלשלות הענינים, אז ווען דער רבי זי"ע בלייבט ווען דארט וואוינען, וואלטן די דארטיגע מוסדות געבליט און געוואקסן. אבער מיר האבן געזען אז דער רצון ה' איז געווען ער זאל קומען אהער כדי ער זאל דא בויען מוסדות הקדושים און א קהלה קדושה, און ער האט זייער שטארק מצליח געווען דא. דעריבער דארפן מיר שטיצן די דארטיגע מוסדות, ווייל נאר א דאנק דעם האבן מיר זוכה געווען צום רבין ער זאל זיין דא מיט אונז.

מיר ווייסן דאך אז די מוסדות הקדושים אין ארץ ישראל זענען אים געגאנגען עד דכדוכה של נפש. טראץ דעם וואס אויך דא איז דער מצב נישט אזוי גוט עקאנאמיש, דאך וועלן מיר שטיצן די דארטיגע מוסדות, בכל תוקף ועוז, אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט.

איך בין זיכער אז אזוי וועט דער פעטער נישט פארגעסן פון אונז, און ער וועט משפיע זיין ממרום מיר זאלן געהאלפן ווערן מיט בני חיי מזוני רויחי.

(רבינו בעל ברך משה זי"ע, א' נשא תשמ"א במסיבה להחזקת יטב לב)



# ראשית ממלכתו (א)

הערשל פריעדמאן

**עפיזאדן, שטריכן, היסטארישע געשעענישן פון דער גרינדונג פון דעם ערשטען און הייליגסטן מוסד בממלכת סאטמאר**

סאטמאר

**עס איז** שוין ברייט באקאנט פאר יעדן, אז די מוסדות יטב לב איז געגרינדעט געווארן דורכן רבין זי"ע זעלבסט, ווען ער האט געוואוינט אין ארץ ישראל אין יאר תש"ז, גלייך נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען אהין פון שווייץ, וואו ער האט געווײלט א קנאפע יאר, פון ווען ער איז ארויסגעקומען בניסי ניסים, פון אונטער די הענט פון די דייטשע רשעים ימ"ש, וועלכע האבן געוואלט פארטיליגן דעם גאנצן כלל ישראל.

עס איז אויך באקאנט די אויסערגעוויינליכע מסירות נפש וואס דער רבי זי"ע האט געהאט פאר די מוסדות, סיי ביים אנהייב, ביים גרינדן, ווען ער האט נאך נישט געהאט נעבן זיך קיין מנין אידן וואס זאלן קענען געבן געלט דאס אויפצוהאלטן, און דער רבי האט זיך פאר'חובות'ט ביז איבערן קאפ, און געמוזט ארויספארן קיין חוץ לארץ שאפן געלט אפצוצאלן די חובות, און קענען ווייטער אנגיין.

אן עקסטערע פרשה איז דער פאקט אז דער רבי איז געווען אזוי שטארק פאר'חובות'ט, אז מען האט אים נישט געוואלט ארויסלאזן פון לאנד, מורא האבנדיג אז אפשר וועט ער נישט צוריק קומען מיטן געלט.... עס האט געמוזט איינער קומען האפטן פארן געלט. א פרשה וואס מיר וועלן באשרייבן בהמשך פון די גליונות.

עס געדענקט זיך נאך גוט, מיט יארן צוריק. ביי די מסיבה פון כ"א כסלו, די יום הצלה פון רבי'ן, האט דער הרה"ח ר' לייביש לעפקאוויטש ז"ל, (וועלכער איז, אגב, געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון הנהלת יטב לב אין ארץ ישראל, ווי מיר וועלן דערציילן בהמשך, באגלייט מיט דעקומענטן), געשילדערט אביסל די זכרונות פון יענע יארן. האט ער זיך אויסגעדריקט אז ער געדענקט דעם רבי'ן ווען ער איז געווען א "מלך עליון" (אין דערהיים אין סאטמאר און אויך שפעטער דאהי אין אמעריקע), אבער ער געדענקט אויך דעם רבי'ן ווען ער איז געווען א "מלך אביון". (געמיינט די ערשטע יאר אין ירושלים עיה"ק נאכן גרויסן חורבן, ווען דער רבי האט נישט געהאט קיין פינאנציאלע מיטלען אויסצוהאלטן זיין אייגענעם שטוב. ער האט זיך געמוטשעט אויף יעדן טריט און שריט), און דאך האט ער זיך אריין געווארפן אין דער ארבעט, מעמיד צו זיין א לגיון של מלך, און פלטרין של מלך. אויפשטעלן די מוסדות יטב לב, פאר די פליטים וואס קומען איצט אן, און פאר די יתומים וואס זענען לעבן געבליבן נאכן גרויסן חורבן.

בימים ההם, אין יענער צייט איז דעם רבי'ן'ס מצב געווען איום ונורא. עס האט דערציילט א איד וואס האט געדענקט דעם רבין פון דער אלטער היים. ער האט געדענקט ווי דער רבי איז געווען דער אמת'ער "מלך בישראל". מאן מלכא, רבנן. ער האט געקענט דעם רבי'ן'ס מלכות'דיגע צורה, זיין הייליגן געשטאלט וואס האט תמיד געלאכטן מיט א הייליגע ליכטיגקייט. און ער האט געדענקט דעם רבי'ן'ס מלכות'דיגע קליידונג, זיין שטענדיג ציכטיגע בעקישעש, וכדומה, און ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל נאך די מלחמה, האט ער דערזען דעם רבין מיט אן אפגעריבענע בעקישעש, וואס איז בכלל נישט געווען לכבודו. האט ער זיך ממש צווייגט צו וואס פארא מצב מען איז אנגעקומען.

און דאך, טראץ דעם וואס דער רבי האט נישט געהאט קיין מעגליכקייט צו קויפן א געהעריגע בעקישעש פאר זיך, האט ער אלעס געלייגט אין די זייט, און געשאפן די מוסדות יטב לב, אינזינען האבנדיג די צובראכענע פליטים, די נצרכים וואס דארפן מען זאל זיי העלפן טרעפן א שטיקל ברויט צו שטילן דעם הונגער.

**אט די געשיכטע וועלן מיר שילדערן אין דעם דאזיגן רובריק, און ווער עס האט עפעס צו דערציילן וועגן די דאזיגע היסאריע און קען אונז בייהילפיג זיין, בעטן מיר אים, ער זאל זיך מיט אונז פארבינדן כדי די פאקטן זאלן ארפגעשריבן ווערן למען בנינו ודורותינו.**

# ערשטע קאפיטל

**ווען** דער רבי איז ארויסגעקומען מעמק הבכא, נאכן מיטמאכן כמעט א האלב יאר אונטערן דייטשן שטיוול, איז ער געווען צובראכן און צוקלאפט, פון די גרויסע אבידה וואס דער כלל ישראל האט געליטן. אזוי אויך זענען הונדערטער טויזנטער אידן געווען צוקלאפט פון זייער אייגענע אבידה'ס וואס זיי האבן פארלוירן עלטערן, געשוויסטער, קינדער און אזוי ווייטער. אבער די פרייליכע ידיעה וועגן די הצלה פון הייליגן רבי'ן זי"ע וואס האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט פון איין עק וועלט צום אנדערן, האט אריינגעברענגט א געוואלדיגע התחזקות. דער דערשלאגענער כלל ישראל, צעבראכן לשברי שברים צעריסן און צעפליקט אויף שטיקער, דער פאר'אבל'טער פאר'יתום'טער דור וואס האט מיט איין קלאפ פארלוירן דאס בעסטע און דאס שענסטע, סלתה ושמנה פון כלל ישראל - גאונים וקדושים צדיקים וחסידים זענען פארברענט געווארן אלס קרבנות עולות תמימות פארן באשעפער - די רעשטלעך איבערגעבליבענע אידן וועלכע זענען געווען צעזייט און צעשפרייט אין ארבע כנפות תבל האבן באקומען א פרישן גייסט, א נײ חיות. בלויז די ידיעה אז רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע האט זיך ארויסגעראטעוועט פון די נעגל פון די רשעים האט אויפגעלעבט די שארית הפליטה, די עצמות היבשות וועלכע זענען געווען אויפן שוועל פון יאוש, טראכטענדיג אז אלעס איז חלילה פארלוירן, האבן צוריק באקומען פונקן פון האפענונג.

אפילו אידן וועלכע האבן קיינמאל פריער נישט געזען דעם רבי'ן זי"ע, אידן אין ווייטע מדינות וואס האבן נאר געהערט וועגן אים, זענען אריין אין עקסטאז פון שמחה. כלל ישראל האט געפילט אז רבינו הקדוש איז דער שליח פון די השגחה עליונה אויפצולעבן און פונדאסניי אויפבויען דעם חרוב געווארענעם כלל ישראל. ערליכע אידן פון אלע קרייזן און שיכטן אין די מדינות וואו עס האבן זיך געפונען ארטאדאקסישע אידן האבן דערשפירט אז פון הימל האט מען איבערגעלאזט דעם מלאך מושיע רבן ומושיען של ישראל. די צעבראכענע גלידער פון אידישן פאלק האבן געוואוסט אז כל זמן עס קלאפט דאס הארץ, דער צדיק הדור וואס איז דאס הארץ פונעם דור געפינט זיך צווישן אונז, איז נאך פאראן א האפענונג.

דער רבי איז געווען כמעט א יאר צייט אין שווייץ און ער האט געזוכט א וועג ווי אזוי ארויסצופארן. באמת איז דער אויסדרוק "זוכן א וועג ארויסצופארן" נישט אזוי פונקטליך. ווייל ארויסצופארן האט מען נישט געדארפט זוכן קיין וועג, די שווייצער האבן גערן ארויסגעלאזט, דער פראבלעם איז געווען אז מען האט נישט געהאט וואו ער זאל אריין לאזן.

די אמעריקאנער האבן נישט אריין געלאזט, און קיין ארץ ישראל האט דער רבי אויך נישט געקענט פארן, טראץ דעם וואס ער האט געהאט א סערטיפיקאט.

דער אמת איז דאך אז דער רבי ז"ל האט שוין געהאט באקומען א סערטיפיקאט צו קענען פארן קיין ארץ ישראל ווען ער האט זיך נאך געפינען אין קלויזנבורגער געטא. אבער ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין שווייץ, האט די ארויסגעגעבענע סערטיפיקאט פארלוירן איר ווערט. דעריבער האט ער געמוזטווארטן ביז ער באקומט א פרישע.

אבער דאס איז אים נישט אזוי לייכט אנגעקומען, ווייל די אלע ארגאניזאציעס אין וועמענס הענט עס איז איינגעשטאנען דאס אויסטיילן די סערטיפיקאטן זענען געווען קעגנער פארן רבי'ן. דער רבי שרייבט דערפון אין זיין ספר ויואל משה (מאמר שלש שבועות סימן קי"א): "די ציונים וועלכע האבן פארפיגט אויף די באגרעניצטע צאל וויזעס וואס די ענגלענדער האבן אויסגעטיילט יערליך צו קענען פארן קיין ארץ ישראל, האבן נישט געוואלט געבן קיין סערטיפיקאטן נאר פאר דעם וואס גייט אין זייערע וועגן און האלט פון זייער שיטה. די שיטה פון ציונות וואס איז מינות און כפירה רחמנא ליצלן. ווער עס האט געוואלט פארן קיין ארץ ישראל האט געדארפט זיך חנפ'ענען צו זיי און צו זייערע וועגן". דעריבער האט מען זיך געמוזט ווארטן מיט געדולד. אבער דא האט זיך אנגערופן די שווייצער רעגירונג און זיך גענומען



דער רבי אין שווייץ ארום גענומען מיט יתומים פליטי הגולה

דרוקן אז מען זאל זיך וואס פריער טרעפן אן ארט וואו מען וויל פארן, ווייל אין לאנד, דאס הייסט: דא אין שווייץ, קען מען נישט בלייבן.

די שווייצער רעגירונג האט פון דער ערשטער מינוט זייער נישט גערן אריינגענומען די אידישע פליטים. אפילו ווען זיי זענען אנגעקומען מיט די באן, האט די זיי פארהאלטן ביים גרעניץ און זיך נישט צוגעכאפט צו די "אומגעוואונטשענע געסט". ערשט נאך אינטערווענץ האט די שווייצער רעגירונג אריינגעלאזט די טראנספארטן וואס האבן זיך קוים באוויזן צו באפרייען. אויך דאן איז געווען דער תנאי אז זיי קומען בלויז אריין אויף א קורצע צייט, און וועלן ווייטער פארן קיין ארץ ישראל. און איצט האט די שווייצער רעגירונג אנגעהויבן אויסאיבן א שטארקן דרוק אויף די פליטים אז מען זאל זיך געבן א ריר. עס איז אבער געווארן אן אנגעצויגענער מצב ווייל מען האט געמוזט באשליסן וואו דער רבי וויל גיין: קיין אמעריקע אדער קיין ארץ ישראל.

די לאגע איז געווארן ערנסטער ווען די שווייצער רעגירונג האט געמאלדן אז זי פלאנט אריבערצופירן אלע

פליטים וואס זי האט אריינגעלאזט צו זיך במשך די מלחמה יארן, צו א לאגער אין אלדזשיר. די לאזונג פון שווייץ איז געווען: פארט ארויס פון דא וואס שנעלער, און אויב מען וועט נישט גיין, וועט מען ווערן אפגעפירט קיין אלדזשיר, און צום דעם האט דער רבי נישט מסכים געווען.

די לאגע איז געווען גאנץ ערנסט. דער ועד הצלה וועלכע האט געהאלפן ברענגען די אידן קיין שווייץ, האט זיך געפילט פארלוירן, קוים וואס מען האט אריינגעברענגט די אידן קיין שווייץ, שוין וויל מען זיי ווייטער דעפארטירן. און די פירער פון ועד הצלה האבן אנגעוואנדן אלע מיטלען אפצושרייען אט דעם "גירוש" גזירה. אין א טעלעגראם האבן זיי זיך געוואנדן צום הויפט רב פון ענגלאנד וועלכער האט געהאט גוטע באציאונגען מיט די ענגלישע רעגירונג, ער זאל אומבאדינגט שתדל'ן אז מען זאל די פליטים שוין אריינלאזן קיין ארץ ישראל, איידער די שווייצער רעגירונג פארשיקט זיי.

אויך אין אמעריקע האט זיך געקערט א וועלט וועגן די גזירת גירוש. און איינע פון די אידישע צייטונגען פון יענער צייט, דערציילט דער שרייבער אז: "די שווייצארישע רעגירונג האט געשיקט אן אולטימאטום צו דער אידישער אגענטור וועגן די אידן וועלכע געפינען זיך צייטווייליג אין דער שווייץ. אז אין פארלויף פון א וואך צייט, מוזן זיי האבן פאלעסטינער אימיגראציע סערטיפיקאטן". (זעה בייגעלייגט דעם צייטונג אויסשניט). זיי האבן טערארעזירט אז מען מוז זיך טרעפן אן ארט ביז א וואך צייט. אז נישט וועט מען זיי ארויסווארפן פון לאנד... פראסט און פשוט.


# שווייץ שיקט אגענטור אולטימאטום
# וועגן טראנספער פון 1,620 אידען

## מרס. טשורטשיל קריגט חיובן רוסישע אידען

אידישע צייטונג באריכטעט אז שווייצארישע רעגירונג האט געשיקט אן אולטימאטום צו דער אידישער אגענטור וועגן די אידן אין שווייץ.

ווען די שווייצער רעגירונג האט געזען אז די קען דאס נישט באווייזן, ווייל אזא אקציע וועט ברייט באריכטעט ווערן אין די פרעסע, עס וועלן געווייזן ווערן בילדער ווי די שווייצער פאליציאנטן שלעפן אידען פונקט ווי די נאציס צו די דעפארטאציע, האט זי זיך אפגעזאגט דערפון און געטראכט וואס מען קען דא טאן.

זי האט זיך געוואנדן צו די אמעריקאנער רעגירונג, וועלכע האט געהאט געגומען אויף אירע פלייצעס די פאראנטווארטליכקייט פאר די פליטים וואס שווייץ וועט אריינלאזן. שווייץ האט געפאדערט אז אמעריקע זאל מוחל זיין און ארויספירן די פליטים פון שווייץ.

שפעטער האט די שווייצער רעגירונג געוואלט פארשיקן די אידישע פליטים קיין איטאליע וואו אמעריקע האט געהאט אן אחיזה און דארטן וועלן זיי זיין אונטערן אמעריקאנער אויפזיכט, די שווייצער רעגירונג האט געוואלט פטור ווערן פון די אידן אויף סיי וואס פארא אופן, קיין אלדזשיר אדער קיין איטאליע, אבי נישט ביי איר.

לכתחילה האט דער רבי געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, אבער אזוי ווי עס איז נישט געגאנגען, מען האט נישט געקעגט באקומען קיין סערטיפיקאט, האט דער רבי באשלאסן – אונטערן שווערן דרוק וואס די שווייצער האבן אויסגעאיבט – אז ער וועט בלית ברירה פארן קיין אמעריקע. אבער צו פארן קיין אמעריקע דארף מען האבן א משפחה מיטגליד וואס זאל בעטן א וויזע רעכט.

כדי דאס צו דערגרייכן האט מען זיך פון בי"נס הויז אין שווייץ פ רוביערט צו פארשטענדיגן מיט די קרובים און באקאנטע אין אמעריקע, אבער דאס איז דאן נישט געווען פון די לייכסטע זאכן. מען האט דורך די אגודת רבנים און ועד הצלה פ רוביירט צו פארשטענדיגן וועגן די באקאנטע און משפחה זענען דאהי.

איינע פון די שריט וואס דער רבי האט געטאן דאן איז געווען, וואס ער האט זיך פארשטענדיגט טעלעגראפיש צו זיין קרוב אין אמעריקע, זיין צווייט געשוועסטער קינד הרה"צ ר' יקותיאל יודא טייטלבוים זצ"ל לאפישער רב (זיין פאטער הגה"צ ר' משה דוד ז"ל לאפאשער רב, איז געווען א זון פון הגה"צ רבי יעקב יוקל ט"ב זצ"ל, אן איידעם און נעפיו פונעם ייטב לב זי"ע), וועלכער האט געוואוינט אין אמעריקע נאך פון פאר די צווייטע וועלט מלחמה, און אים געבעטן אז ער זאל אים העלפן באקומען אן אריינפאר וויזע קיין אמעריקע.

פארשטייט זיך אז גלייך ווי מען האט געהערט אז דער רבי טראכט פון קומען קיין אמעריקע האט זיך דא א טרייסל געגעבן. מענטשן, אפילו היימישע, סאטמארער תלמידים און ידידים, האבן עס קוים געקענט גלייבן אז דער רבי וועט קומען קיין אמעריקע אבער טראץ דעם כמעט אומגלויבליכן פאקט, האט מען גלייך געשאפן א קאמיטע וואס זאל טאן אין דער ריכטונג. זען צו שאפן א וויזע פארן רבי'ן, און די פינאנציעלע מעגליכקייטן ארום דעם.

די קאמיטע איז באשטאנען פון הגה"צ לאפישער רב, הרב אלכסנדר טייטלבוים, הרב חיים מאיר ברוין, ר' פייש מאשקאוויטש, ר' שלמה בראוער, (וועלכער איז געווען דער געטרייער סאלדאט וואס האט שפעטער געהאלפן דעם רבין בלב ונפש בויען מוסדות יטב לב) ר' יהושע באש. ר' יחיאל מיכל הענדלער און ר' ברוך רייז. די קאמיטע האט זיך גלייך גענומען צו דער ארבעט, זיי האבן אפגעהאלטן צווישן זיך א צאל מיטינגען און עס איז באשלאסן געווארן אז מען מוז ארויסקומען צום ברייטן ציבור און בעטן הילף. סיי פינאנציעלע און סיי וואס שייך וועגן באציאונגען מיט די באהערדע.

עס איז געגרינדעט געווארן די "חברה מחזיקי בית הרב" וואס דארף זיך אפגעבן מיט די טעכנישע ארבעט, און אלס סעקרעטאר איז אויסגעקליבן געווארן ר' יחיאל מיכל הענדלער..


וויכטיגע באקאנטמאכונג

דעם 30טען יאנואר, האבען מיר, די תלמידים און גוטע פריינט פון רבנו הקדוש הגאון שר התורה

מרן ר' יואל טייטעלבוים

שליט"א

באבד"ק סאטמאר (יעצט אין דער שווייץ)

א מיטינג

דעם מוצש"ק, 3טן פעברואר, 8:30 אזייגער

— אין —

בית המדרש פון קהל חרדים

293 איסט 3טע סטריט, ניו יארק.

יחיאל מיכל הענדלער, סעקרעטאר

מען האט שוין אנגעהויבן צו טאן ממשות'דיגע שריט צו ברענגען דעם רבין קיין ארמעריקע, ווי מיר זעהן אין דעם קול קורא וואס מיר פארעפנטליכן דא.

פאלגנד איז א ביטע וואס מען האט אוועק געשיקט צו די אמעריקאנער הויכע פענסטער בעטנדיג א וויזע פארן רבין, ער זאל קענען אהער אריין קומען. עס לייענט זיך אזוי:

"מר. עיטש. בי. טרעווערס,

טשיף וויזע דעוויזיע,

דעפארטמענט אוו סטעיט,

וואשינגטאן די. סי.

מיין טייערער:

מיר שרייבן די בריוו אין באציאונג צו ראביי יואל טייטלבוים און זיין ווייב און מיר ווילן אייך

לאזן וויסן דאס פאלגנדע:

ראביי יואל טייטלבוים איז איינער פון די גרעסטע ראביים פונעם אידישן גלויבן און איז געווען דער אויסדערוועלטער גייסטיגער פירער פאר די אידן אין אונגארן. ער איז באקאנט אלס דער גרעסטער פערזענליכקייט און תורה לערנער, און איז בארימט פאר זיין גרויס גאטס-פארכטיגקייט און רעליגיעזע אויפטואן.

מיר וויסן אז עס זענען דא פיל אמעריקאנער בירגער פונעם אידישן גלויבן וועלכע זענען געוועזענע תלמידים פון ראביי טייטלבוים און ערווארטן שטארק זיין אנקום אין לאנד. עס איז אויך באקאנט אז ער איז דורכגעגאנגען זייער פיל פערזענליכע ליידן אין די לעצטע יארן און איז וואונדערליך געראטעוועט געווארן קיין שווייץ.

איך וויל דעריבער ערנסט בעטן די דעפארטמענט אוו סטעיט צו שענקען א וויזע פאר ראביי טייטלבוים צו קומען צו די פאראייניגטע שטאטן. מיר זענען זיכער אז ער וועט זיין א באדייטנדער צוגאב צו די געמיינדע דאהי. מיר, אלס אן ארגאניזאציע וואס טוט פארשטעלן הונדערטער ראביי"ס, זענען עדות צו ראביי טייטלבוים'ס כאראקטער אין יעדן פרט.

יעדעס הילף פון אייער זייט וועט ווערן שטארק באגריסט.

א.ג. טרעס"

**(זעה דאקומענט בייגעלייגט)**



Mr. H. K. Travers, Chief
Visa Division
Department of State
Washington, D. C.

Dear Sir:

We are writing this letter in reference to the case of Rabbi Joel Teitelbaum and his wife, and wish to state the following:

Rabbi Joel Teitelbaum is one of the greatest rabbis of the Jewish faith and was the outstanding spiritual leader of the Jewish people of Hungary. He is known as the foremost leading talmudical scholar and is renowned for his great piety and religious accomplishments.

We know that there are many American citizens of the Jewish faith who are disciples and former students of Rabbi Teitelbaum and are anxiously awaiting his arrival in this country. We are also aware that he has undergone a great deal of personal suffering in the last number of years and was miraculously rescued to Switzerland.

I therefore, earnestly ask the Department of State, to grant the visa for Rabbi Teitelbaum to come to the United States. We are certain that he will be a decided asset to the community here and we, as an organization representing hundreds of rabbis, fully endorse Rabbi Teitelbaum's character from every viewpoint.

Every courtesy and consideration extended will be greatly appreciated.

Very sincerely yours,

**אזוי האט מען פרובירט אויף נאך וועגן צו באקומען א וויזע פארן רבין, און עס זענען געמאכט געווארן פילע אונטערוועגצן. די אלע שתדלנות'ן האט אנגעהויבן שאפן א פאזיטיוון רושם. די אמעריקאמער רעגירונג האט געגעבן צו פילן די עסקנים אז זיי זענען גרייט צו מאכן דאס מאל אן אויסנאם, און געבן פארן רבין א וויזע.**

## פארזעצונג אין קומענדיגן אויסגאבע אי"ה

# עמוד התוך

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאנד, למען קיום המוסדות

## העכסט געלונגענע אקציע דורכגעפירט צום ערשטן מאל אין מאנסי

צום ערשטן מאן האבן אנ"ש תושבי עיר מאנסי יצ"ו געהאט די געלעגענהייט צו שטיצן מוסדותינו הק' "יטב לב בארה"ק" ביי די "מגבית הראשונה" לטובת מוסדות יטב לב.

לכבוד די ערשטע אקציע איז ארויס געקומען אורח הדגול הרה"ח הרב יקותיאל יצחק בראך שליט"א מנה"ר פון אונזער בני ברק'ער תלמוד תורה, וועלכער האט שבת אינדערפרי פארן לײנען, אויפגעטרעטן מיט גאר ווארעמהארציגע דיבורים, ארויסברענגענדיג דאס נחיצות פון אונזערע הייליגע מוסדות, ווי שטארק די הנהלה סיי פון די דאהי, און נאך מער פון ארץ ישראל, מוטשעט זיך איבער די כוחות, צו קענען אהערשטעלן דעם גרויסן בודזשעט בלויז פון ריינע מקורות.

אין די נאכפאלגענדע טעג, האבן פילע אנ"ש אויסגענוצט די געלעגענהייט אפצוקויפן דעם זכות פון "החזקת מלמד" וועלכע איז היינט וועלט בארימט צווישן אנ"ש אלס דער מקור הישועות פאר אלע מיני ישועות והצלחות.

אין רעזולטאט פון די ערשטע אקציע, איז מטעם הנהלת מוסדותינו אויפגענומען געווארן דער חשוב'ער בנש"ק הר"ר יואל נפתלי ווייס שליט"א אלס מאנסי'ער עסקן לטובת מוסדותינו הק', פאר וועמען מען קען איבערגעבן נדבות, און אריינגעבן הזכרות וואס די קינדער זאלן מזכיר זיין בשעת מתפלל זיין פאר די תומכי מוסדותינו הק'.

## מאסן נשים צדקניות ביי "יטב לב פרויען פארטי'ס" אין קרית יואל און וויליאמסבורג

אין קר"י איז די פארטי פארגעקומען מיטוואך פרשת לך אין קרית יואל, אין שטוב פון מרת בראך תחי' אשת הרה"ח ר' אברהם לייב הי"ו, וועלכע האט צוזאמען מיט אירע חשוב'ע קינדער תחיו, אריינגעלייגט איבערמידליכע כוחות פאר די הצלחה פון די פארטי.

עטליכע וואכן דערויף, זונטאג פרשת תולדות איז אפגעהאלטן געווארן די "וויליאמסבורגער פארטי" אין שטוב פון מרת ווייזער תחי' אשת הרה"ח ר' מנלי הי"ו, וועלכע האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות פאר די הצלחה פון די פארטי צוזאמען מיט אירע חשוב'ע קינדער תחיו, און מיט די הילף פון די נשים צדקניות וועלכע זענען באהערט געווארן ביי די פארטי, מרת אבערלענדער תחי' אשת הרה"ח ר' שמואל הי"ו יו"ר הנהלת מוסדותינו, מרת כ"ץ תחי' אשת הרה"ח ר' הערשל הי"ו און מרת לאנדא תחי' אשת הרה"ח ר' מרדכי לייב הי"ו.

ביידע פארטי'ס זענען פאררופען געווארן דורך הרבנית הצדיקת תליט"א און דורך הרבנית הצדיקת מסאטמאר-וויליאמסבורג תליט"א, וועלכע שטייען אין שפיץ פון די פארשידענארטיגע אקטיוויטעטן וואס ווערן כסדר דורכגעפירט דורכן פרויען פאראיין פון אונזערע הייליגע מוסדות.

ביי די פארטי'ס זענען געצייגט געווארן גאר רייכע סליידס אויף אן ערליכן אויסגעהאלטענעם אופן, בלויז בילדער באגלייט מיט מוזיק און לידער, פארשטעלענדיג אונזערע הייליגע מוסדות זינט איר גרינדונג ביז צום היינטיגן טאג.

דורכאויס ביידע טעג וואס די פארטי'ס זענען אפגעהאלטן געווארן אין וויליאמסבורג און אין קרית יואל, האט זיך אנגעזען די שטארקע שעצונג וואס אונזערע הייליגע מוסדות געניסן ביי יעדן איינעם, שפירענדיג פאר א זכי' צו שטיצן די אור-אלטע צדקה פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס" פאר וועלכע די באבעס און זיידעס האבן זיך אוועקגעגעבן דאס ביסן פון מויל.

נייעסן און אנטוויקלונגען פון אונזערע ירושלים'ער מוסדות



# בטוב ירושלים

## פרישע יארגאנג געעפענט אין מוסדותינו הק'

ילכו מחיל אל חיל, וואקסן אונזערע הייליגע מוסדות ירושלים אויף א געהויבענעם פארנעם, ווען צום נייעם יאר איז געעפענט געווארן א כתה פאר נאך א יארגאנג, כתה ד', אויף וועלכע עס איז געלונגען אויפצונעמען דעם טויגליכן מלמד, הרה"ח ר' ישראל יאקאב שליט"א, זון פון הרב החסיד הוותיק רבי נחמן שליט"א מנקיי הדעת שבירושלים עיה"ק.

## שיעור ג' געעפענט אין ישיבה קטנה

אויך די "ישיבה קטנה" - דער "גולת הכותרת" פון אונזערע ירושלימ'ער מוסדות - האט זיך ב"ה פארברייטערט מיט עפענונג פון די דריטע כתה "שיער ג'" אין די ישיבה, וואו די בחורים האלטן ווייטער דעם התמדת התורה און געהויבענעם חינוך וואס זיי האבן באקומען אין די פריערדיגע יארן, זינט זיי האבן אריינגעטרעטן אין די שנות הבחרות.

## נייער עס-זאל אהערגעשטעלט אין די מוסדות

אינעם בנין פון אונזערע ירושלימ'ער מוסדות איז אנהייב יאר געעפענט דער נייער עס-זאל, וואו די פילצאליגע תלמידי המוסדות דערקוויקן זיך טעגליך פון די נארהאפטיגע מאצלייטן וואס ווערט פאר זיי צוגעשטעלט מיט גרויס הרחבה, ווי עס איז איינגעפירט געווארן דורך רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, אז די תלמידים זאלן טעגליך באקומען א נארהאפטיגע מיטאג סעודה, זייענדיג ביי טייל קינדער די איינציגסטע געהעריגע מאלצייט וואס זיי עסן איבערן טאג.

## חבורת ויואל משה אין ישיבה קטנה פארהערט זיך

אין די ישיבה קטנה איז איינגעפירט די חבורה "ויואל משה" ווען די בחורים לערנען שיעורים קבועים אין דעם הייליגן ספר, וועלכע איז דער שולחן ערוך לדורינו בכלל, ובפרט פאר תושבי ארה"ק וועלכע זענען כסדר אויפן פראנט, אנצופירן די מלחמה לה' בעמלק. שטייענדיג פאר דעם גרויסן טאג כ"א כסלו, איז ווידעראמאל פארגעקומען א גרויסער פארהער אויף די סימנים וואס מען האט לעצטענס געלערנט.

## ירושלימ'ער חברי הנהלה געבן איבער אויסטערלישן ווייי-געשריי

מיט עטליכע וואכן צוריק האבן אנ"ש אין ניו יארק אויפגענומען מיט גרויס כבוד די געטרייע מסירת נפש'דיגע חברי הנהלת מוסדותינו פון ירושלים עיה"ק, געפונענדיג זיך דאהי אין ניו יארק האבן די חברי הנהלה אפגעשטאט באזוכן ביי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועלכער האט א לענגערע צייט זיך פאראינטערעסירט על כל פרט ופרט פון די הייליגע מוסדות.

גלייכצייטיג זענען די חשובע געסט אויף געמונען געווארן דורך די חברי הנהלה דאהי אין ניו יארק וועלכע האבן געהערט דעם ווייטאגליכן באריכט איבער דעם אויסנאם שווערער מצב הגשמי אין וועלכע די מוסדות הק' געפונען זיך ליידער, און ווי שטארק זיי מוטשען זיך אויף טריט און שריט, וועלכע מען פארענדיגט יעדן חודש מיט א שווערן דעפיציט פון הויכע טויזענטער דאלארן. די חברי הנהלות צוזאמען האבן מטכס עצה געווען כדת מה לעשות, צו דערלייכטערן דעם שווערן מצב, ווי צו שיקן א פרישע העכערונג אינעם חודש'ליכן תמיכה אדער ענליכס.

נייעסן און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות



# מציון יסעדך

## כתה ט' געביטן אויף "כתה מכינה לישיבה קטנה"

צום אנהייב פונעם נייעם יאר, שנת תש"ע לפ"ק האט די הנהלה רוחניות געהעכערט דעם סטאנדארט פון כתה ט', עס איבערבייטן אויף א כעין "ישיבה" אונטערן נאמען "כתה מכינה לישיבה קטנה".

פאר די הנהלת המוסדות מיינט דאס א פרישער עול פון גרעסערע הוצאות, כדי נאכצוקומען דעם פארלאנג, אויך איז אויפגענומען געווארן דער חשוב'ער מגיד שיעור הרה"ג רבי חיים הירש שליט"א, אין צוגאב צו די ביז איצטיגע מגידי שיעור הרה"ג רבי נפתלי צבי בראדי שליט"א און הרה"ג רבי שמעון יואל בראך שליט"א מח"ס חלה תרימו.

## גייסטרייכער סיום מסכת מגילה געפראוועט

די תלמידים פון די ישיבה קטנה האבן געפראוועט א סיום מסכת מגילה וואס מען האט געענדיגט פארגאנגענעם יאר שנת תשס"ט אויף שיעור פשוט, און זיך דאס פארהערט ביי די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א אין די ישיבה.

דערביי האבן זיך אויך משתתף געווען די חשוב'ע עלטערן און זיידעס הי"ו צווישן זיי הרבנים הגאונים שליט"א: הרה"ג רבי יוסף בנימין הלוי וואזנער שליט"א רב דקהל חסידים-אלעד, הרה"ג רבי אלי' וואלף יאקאב שליט"א אב"ד ראשון לציון, הרה"ג רבי משה מנחם כהנא שליט"א רב דביהמ"ד אוהל יהושע, הרה"ג רבי משה אהרן דאווידאוויטש שליט"א אבד"ק סעקעלהיד, ובראשם הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א אין בני ברק. אויך האבן זיך אנגעזען די חשוב'ע חברי הנהלת מוסדותינו הק' ופני וחשובי העדה, וביניהם דער מסירת נפש'דיגער מנהל המוסדות הרה"ח הר"ר משה חיים ווייס שליט"א, הרה"ח הישיש הרב ר' משה יעקב ראטער שליט"א מחשובי וזקני אנ"ש בבני ברק און נאך.

## דרינגענדע אסיפת הורים אפגעהאלטן מיט גרויס הצלחה

א העכסט דרינגענדן "אסיפת הורים" איז פארגעקומען ביי וועלכע מען האט געהערט א גאר וויכטיגע דרשה בעניני חינוך פון דעם יחיד מומחה בעניני חינוך, הגה"צ רבי אברהם כהנא שליט"א האדמו"ר מספינקא-בית שמש, וועלכער האט ארויס געברענגט פאר די עלטערן די גרויסע אחריות וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף די היינטיגע טאטעס פון קינדער, מחנך צו זיין קינדער אין אזא שווערע וועלט וואס מען לעבט היינט ליידער, און ווי שטארק נויטיג עס איז נאך מער ווי אלעמאל, אנצוהאלטן א פעסטן קשר מיט די טייערע קינדער שיחיו. די רייכע דרשה האט שטארק עושה רושם געווען צווישן די חשוב'ע פארזאמלטע.

פאר קאמענטארן, הערות והגהות ביטע פעקסט צו 866-594-0261

FINE DESIGN
Graphic Designer